# אראבישער גענעראל־שטרייק ווערט ווייטער פארטגעזעצט

## עמיר אבדולא האט געפאדערט אפצורופען דעם שטרייק.—די אראבישע פיהרער זענען דערויף נישט איינגעגאנגען.—געשטארבען נאך א יודישער פערוואונדעטער

# פראפ. ווייצמאן ביים הויך־קאמיסאר

ירושלים, 3 (יט"א טעלעגראפיש)
דער אראבישער גענעראל־שטרייק ווערט פארט געזעצט. אין אלגעמיין איז רוהיג. א חוץ אין ירושלים האבען אראבער צעשלאגען אנ׳אראבישען, וואס האט געבראכט גרינצייג אויפ׳ן מארק. געכטען איז אויך געקומען צו אנ׳אינצידענט מיט די פארט־ארבייטער, וועלכע האבען געפאדערט שטרייק־קאמיטעט שטיצע.

ירושלים, 3 (יט"א טעלעגראפיש)
דער עמיר אבדולאה האט אין אמאן אויפגענומען א דעלעגאציע פון ארץ־ישראל־אראבער. אבדולאה האט געפאדערט פון די אראבער, צוריקצוציהען דעם גענעראל־שטרייק אין ארץ־ישראל. צוריקקומענדיג, האט די דעלעגאציע אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט די אראבישע פיהרער. און אנגענומען געווארען א בעשלוס פארטצוזעצן דעם שטרייק.

### איטאליענישער קאנסול וויל נישט אויפנעמען קיין אראבישע דעלעגאציע.

ירושלים, 3 (יט"א טעלעגראפיש)
דער איטאליענישער קאנסול האט זיך אפגעזאגט, אויפצונעהמען א דעלעגאציע פון די אראבישע פיהרער.

### קאנפערענץ פון פראפ. ווייצמאן מיטן הויך־קאמיסאר.

ירושלים, 3 (יט"א טעלעגראפיש)
פראפ. חיים ווייצמאן האט היינט אפגעהאלטען א לענגערע קאנפערענץ מיט׳ן הויך־קאמיסאר ווואקאפ.

### שיסעריי אין „כרם־אברהם"

תל־אביב, 3 (יט"א טעלעגראפיש)
אין „כרם אברהם" האבען אראבער שבת ביינאכט אריינגעשאסען 5 מאל. צום גליק האט קיינער נישט געליטען. קיינער איז נישט ארעסטירט געווארען.

### אין גאנצען לאנד רוהיג.

ירושלים, 3 (יט"א טעלעגראפיש)
דער היינטיגער אפיציעלער קאמוניקאט שטעלט פעסט, אז אין גאנצען לאנד איז רוהיג.

### בריטיש מיליטער פון עגיפטען אנגעקומען קיין חיפה.

### סאבאטאזש־אקטען פון די אראבער.

תל־אביב, 3 (יט"א טעלעגראפיש)
דער „דבר" טיילט מיט, אז קיין חיפה איז אנגעקומען בריטיש מיליטער פון עגיפטען.

די באהנען ווערען געפיהרט אונטער פאליציי־וואכען. אויך די וועגען ווערען געהיטען פון פאליציי. דאס איז ווייל די לעצטע טעג האבען אראבישע טעראריסטען אפגעשרויפט די רעלסען. מ׳האט עס בעצייטענס בעמערקט און אזוי ארום פערהיטען פון א באהן־קאטאסטראפע.

די זעלבע טעראריסטען האבען אויך היינט איבערגעשניטען די טעלעפאן־דראטען, וואס פערבינדען ירושלים מיט די צפון־טיילען פון ארץ־ישראל. אויך דאס איז בעצייטענס בעמערקט און צורעכט געמאכט געווארען.

### גערעכטיגקייט פאר די אראבער...

ירושלים, 3 (יט"א טעלעגראפיש)
די אראבישע פרעסע טיילט מיט, אז דער הערשער פון תימן האט זיך געווענדעט צום ענגלישען קעניג מיט א דעפעשע, אין וועלכער ער פאדערט גערעכטיגקייט פאר די אראבער אין א"י.

### געשטארבען ד"ר פעלבערג היינט איז פארגעקומען די לויה

תל־אביב, 3 (יט"א טעלעגראפיש)
אין חיפה איז אין שפיטאל געשטארבען דער ד"ר פעלבערג, וואס איז פרייטאג פערוואונדעט געווארען אין אנ׳אויטא. אין דער לויה האט זיך בעטייליגט א ריזיג־גרויסער עולם.

### געעפענט דעם פוילישען פאוויליאן אויפן מזרח־יריד.

תל־אביב, 3 (יט"א טעלעגראפיש)
היינט איז געעפענט געווארען דער פוילישער פאוויליאן אויפ׳ן מזרח־יריד.


קיין וויען
אבפאהר דעם 8־טען מאי. 75 זל.

קיין וויען, בודאפעשט
אבפאהר דעם 8־טען מאי. 112 זל.

קיין לאנדאן
אבפאהר דעם 9־טען מאי. 390 זל.

סוראציע־פעכער קיין טשעכאסלאוואקיי און עסטרייך.

אינפארמאציעס און איינשרייבונגען:
Wagons Lits Cook
Piotrkowska 68.


# געשטארבען א פערוואונדעטער יוד

## פון די כוליגאנישע אנפאלען אין מינסק מאזאוויעצק

ווארשא, 3 (טעלעפאניש)
אין מינסק־מאזאוויעצק זענען פרייטאג פארגעקומען אנפאלען פון כוליגאנעס אויף יודען, עטליכע יודען זענען זעהר שווער פערוואונדעט געווארען. די לאגע פון איינעם פון די פערוואונדעטע, דעם 27־יעהריגען יעקב ציליך איז געוועזען אזוי שווער, אז מ׳האט איהם געמוזט אפפיהרען אין ווארשאער שפיטאל. אבער ווען ס׳איז שוין פאר איהם נישט געוועזען קיין שום הילף האט מען איהם צוריקגעשיקט אהיים, אויפ׳ן וועג איז ער געשטארבען.

היינט האט געזאלט פארקומען ציליכ׳ס לויה, לויט א פעראָרדנונג פון דער פאליציי איז די לויה אפגעלעגט געווארען ביז ס׳וועט זיין אנ׳ערלויבניש דערויף פון חער פראקוראטור.

די לאגע פון די איבריגע פערוואונדעטע יודען איז אויך א זעהר ערנסטע.

# היינט—די דעציזיע פון העכסטען געריכט

## וועגען סיים־מאנדאט פון ד"ר גאטליב

ווארשא, 3 (טעלעפאניש)
היינט, מאנטאג ווערט די אפעלאציע פאר וואהל־אנקלאגען ביים העכסטען געריכט ענטגילטיג בעטראכטען די פראגע פון ד"ר גאטליב׳ס מאנדאט אין צווייטען ווארשעווער וואהל־קרייז. צוליב דער פעראָרדנונג, אז אלע וואהל־אנקלאגען מוזען ערלעדיגט ווערען ביז׳ן 4 מאי, ווערט היינט ענטגילטיג ארויסגעטראגען ווערען דער אורטייל וועגען דעם מאנדאט פון ד"ר גאטליב.


# מיטוואך, דעם 6־טען מאי 1936

# פייערליכע פרעמיערע!

פון ערשטען יודישען פילם, פראדוצירט אין פוילען פון דער יוד. פילם־געז. „כנור"

# „על חטא"

מאנומענטאלער פילם פון יודישען לעבען, געשטיצט אויף אנ׳אמת׳ער פאסירונג.

סצענאר: י. מ. ניימאן | רעזשי: אלעקסאנדער מארטען | אלגעמיינע ליטונג און קאנסטרוקציע: ש. דזשיגאן און י. שומאכער

פראד. ליטונג: ש. גאסקינד און י. וו. טענענבוים • דעקאראציעס און קינסטל. אויפזיכט: יאנקעל אדלער

מוזיק: הענער קאן | אויפנאהמען: סט. ליפינסקי | טעכנ. ליטונג: י. באק און פארבערט

איז פילם טרעטען אויף די גרעסטע יודישע ביהנע־קינסטלער:

רחל האלצער, אברהם מארעווסקי, ש. דזשיגאן, י. שומאכער. קורט קאטש, קלארא סעגאלאוויטש, ח. בוזגאן, רות טורקאוו, הערבערט שערצער און אנד.

די אקציע קומט פאר אין די יאהרען 1915/16 אין דער צייט פון וועלט־קריג און אין דער געגענווארט.

קינא „MIRAŻ"
11 ליסטאפאדא 16.

